בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת קרח תשע"ז שבת ראש חודש פרק ד' גליון 414 [שנה ט']**

**בן לוי ולא בן יעקב**

וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן־יִצְהָר בֶּן־קְהָת בֶּן־לֵוִי: (טז א) פרעגט רש"י פארוואס שטייט נישט דערמאנט ווייטער בֶּן יעקב? און ער ענטפערט שבקש רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם, אבער בפשטות וואלט מען געקענט ענטפערן אז מען האט געדארפט זאגן פון וועלכע שבט זיי זענען געווען, דעריבער גייט דאס ביז לוי און אלע ווייסן אז ער איז בן יעקב דארף מען דאס נישט זאגן. (תפוחי חיים אדמו"ר מדעעש קארלסבורג)

**מדרש פליאה**

כִּי כָל־הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל־קְהַל ה' (טז ג) שטייט א מדרש פליאה מה ראה קרח לחלוק על משה רבינו, ראה פרשת פָּרָה אֲדוּמָה. מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס עס שטייט אין כלי יקר אויפן פסוק (במדבר יט ג) וּנְתַתֶּם אֹתָהּ אֶל־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן, פארוואס האט מען געגעבן די עבודה פון פָּרָה אֲדוּמָה צו אלעזר און נישט צו אהרן? נאר ווייל די פָּרָה אֲדוּמָה איז געקומען מכפר זיין אויפן חטא העגל און מיר האבן די כלל אֵין קַטֵיגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵיגוֹר, דעריבער האט דאס אהרן נישט געמאכט, ממילא לויט דעם איז גוט דעם מדרש: קרח האט געזען די פרשת פָּרָה אֲדוּמָה, קומט אויס אז קרח האט געהאלטן אז אהרן איז נישט ראוי צו זיין כהן וועגן דעם האט ער זיך געקריגט אויף די כהונה אז עס קומט אים. (תפוחי חיים אדמו"ר מדעעש קארלסבורג)

**אין פרשה שטייט משה אליין און דא שטייט משה און אהרן?**

וַיִּקָּהֲלוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב־לָכֶם: (טז ג) עס איז א פלא אז נאר אין דעם פסוק שטייט דערמאנט וַיִּקָּהֲלוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן משה און אהרן צוזאמען ביי דער מחלוקת און פריערט און שפעטער ווערט נאר דערמאנט (פסוק ב) וַיָּקֻמוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה און (פסוק ח) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־קֹרַח משה און נישט אהרן? נאר אהרן איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום ממילא האט ער אלעמאל אנטלאפן פון מחלוקת און די אנשי קורח האבן דאס געוואוסט, האבן זיי זיך נישט געקריגט מיט אהרן, אבער דא איז פונקט אהרן געווען מיט משה, און בשעת זייער כעס האבן זיי נישט געקוקט ווער איז דארטן געווען און געהאט טענות אויף משה און אויף אהרן. (תרחם ציון ר' שלום הכהן אב"ד ג'רבא)

**פארוואס די עונש פון פייער?**

וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת־פִּיהָ וַתִּבְלַע אֹתָם וְאֶת־בָּתֵּיהֶם וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת ה' וַתֹּאכַל אֵת הַחֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ מַקְרִיבֵי הַקְּטֹרֶת: (טז לב–לה) איז משמע פון די פסוקים אז עס איז געווען צוויי עונשין: איינס וַתִּבְלַע אֹתָם און אויך וַתֹּאכַל אֵת הַחֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ, און די עונש פון פארברענען איז נאר געווען פאר די חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ אבער קרח אליין האט מען נישט פארברענט, פארוואס האט ער נאר געהאט די עונש פון ווערן איינשלונגען אין די ערד? נאר קרח האט געהאט א ריכטיגע טענה וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ, ווייל ער איז אויך א אייניקל פון לוי און געוואלט די כהונה, אבער וועגן קרח אליין וואלט נישט אויסגעבראכן קיין מחלוקת, ווייל מען וואלט אים געענטפערט, אבער די חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם נְשִׂיאֵי עֵדָה קְרִאֵי מוֹעֵד אַנְשֵׁי־שֵׁם, זיי האבן אנגעצונדן קרח צו אנהאלטן די מחלוקת, ממילא איז זייער עונש מדה כנגד מדה, די אש המחלוקת האט זיי פארברענט. (תרחם ציון ר' שלום הכהן אב"ד ג'רבא)

**פרקי אבות פרק ד משנה א ווער איז א חכם**

בֶּן זוֹמָא אוֹמֵר: אֵיזֶהוּ חָכָם הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם שֶׁנֶּא' (תהלים קיט) מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי. שטייט אין מס' (תמיד דף לב) איזהו חכם הרואה את הנולד, אויך איז דא א מאמר (די וועלט זאגט דאס) איזהו חכם המכיר את מקומו. זעט מען דריי זאכן ביי א חכם: ער לערנט פון יעדן און ער זעט וואס וועט ארויסקומען פון זיינע מעשים און ווייסט וואו ער האלט, וואלט מען געקענט מקשר זיין אלע דריי, ווייל די משנה ברענגט דער פסוק פון דוד המלך אין תהלים מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי, דאס מיינט א חכם לערנט זיך פון יעדן מענטש און ווייל א חכם פארשטייט אז יעדע מענטש האט אין זיך גוטע זאכן און אויך פארקערט, דעריבער איז א חכם המכיר את מקומו ער ווייסט וואו ער האלט אין דער וועלט און ווייסט וואס מען דארף זיך אפלערנען פון יענעם און וואס נישט, ווייל א חכם איז הרואה את הנולד און ווייסט מען דארף קוקן תכלית וואס וועט ארויסקומען פון דעם לימוד, איז שוין גוט די קשר פון אלע דריי מדריגות פון א חכם. (שמח זבולון תשע"ז)

**דיוקים אין נוסח פון ברכת החודש**

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה, וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים, חַיִּים שֶׁל שָׁלוֹם, חַיִּים שֶׁל טוֹבָה, חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה, חַיִּים שֶׁל פַּרְנָסָה, חַיִּים שֶׁל חִלּוּץ עֲצָמוֹת, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִרְאַת חֵטְא, חַיִּים שֶׁאֵין בָּהֶם בּוּשָׁה וּכְלִמָּה, חַיִּים שֶׁל עֹשֶׁר וְכָבוֹד, חַיִּים שֶׁתְּהֵא בָנוּ אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁיִּמָּלֵא יְיָ מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה בִּזְכוּת תְּפִלַּת רַב/רַבִּים, אָמֵן סֶלָה: דאס איז דער נוסח פון בענטשן ר"ח וואס די מקור התפילה איז די גמ' (ברכות דף טז:) רב בתר צלותיה אמר הכי יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, ה' אֱלֹקֵינוּ שֶׁתִּתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים, חַיִּים שֶׁל שָׁלוֹם, חַיִּים שֶׁל טוֹבָה, חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה, חַיִּים שֶׁל פַּרְנָסָה, חַיִּים שֶׁל חִלּוּץ עֲצָמוֹת, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת חֵטְא, חַיִּים שֶׁאֵין בָּהֶם בּוּשָׁה וּכְלִמָּה, חַיִּים שֶׁל עֹשֶׁר וְכָבוֹד, חַיִּים שֶׁתְּהֵא בָנוּ אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁיִּמָּלֵא ה' מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה. מיר לייגן צו חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, וואס אין די אלע עלטערע סידורים און די ספרדים זאגן נאר חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת חֵטְא און אויך בִּזְכוּת תְּפִלַּת רַב/רַבִּים אָמֵן סֶלָה. דארף מען פארשטיין וואס איז דער חילוק פון יִרְאַת שָׁמַיִם און יִרְאַת חֵטְא? און אויך מען בעט דאך חַיִּים שֶׁתְּהֵא בָנוּ אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, פארוואס איז דא צוויי בקשות פאר יִרְאַת שָׁמַיִם? נאר מען וואלט געקענט זאגן וואס איך האב געהערט פון מיין עלטע פעטער הרה"ח ר' ניסן פילטשיק זצ"ל אז אלטע חסידים פלעגן זאגן מען דארף פשוט מורא האבן פון טאן א עבירה, ווייל א עבירה לעשט אויס די ברען ביים מענטש נישט צו דאווענען און דינען דעם אויבערשטן, יעצט עס איז דא צוויי דרגות אין יראת שמים איינס איז א קלענערע מדריגה פון מורא האבן פון א עונש און דאס רופט מען יראת העונש אדער יראה תתאה און נאכדעם איז דא א העכערע יראה, קען זיין אז יראת שמים טייטשט מען מורא האבן פון אויבערשטן און דאס רופט מען יראה עילאה, [עס איז דא טויזנטע דרגות פון יראה תתאה ביז יראה עילאה] ממילא איז דא דריי מדריגות וואס מיר בעטן, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, דאס איז יראת העונש, און נאכדעם יִרְאַת חֵטְא, מורא האבן פון א עבירה, און נאכדעם אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דאס איז יראה עילאה. אויף אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם קען מען ענטפערן אז לערנען תורה איז דאך זייער געשמאק און עס איז באוואוסט וואס דער